# זקניך ויאמרו לך

שמואל שלמה טעללער



## געקליבענע ערשט-האַנטיגע סיפורי צדיקים, שיחות קודש, יסודות'דיגע שמועסן און הדרכות

באַזירט לויט די פרשה און מאורעות הזמן

עט

## א דרשה 'קורץ און שארף'...

עס דערציילט הרה"ג ר' נח גפן שליט"א שו"ב

עס איז געווען שב"ק פ' כי תצא תשכ"ז לפ"ק, ווען מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע האט געענדיגט דאווענען שחרית פאר'ן עמוד, האט ער באפוילן אז מ'זאל ארויפלייגן דעם עמוד אויפ'ן ארון הקודש, און אומגערישטערהייט איז דער רבי ארויפגעגאנגען און געזאגט א שארפע דרשה בעניני צניעות.

דער רבי האט אנגעהויבן מיט די ווערטער **"איך וועל רעדן קורץ און שארף, ווייל אויב גייט מען אנגעטון קורץ וועל איך רעדן שארף"**.

און דער רבי האט טאקע געזאגט זייער שארפע דיבורים, אנהויבנדיג אז פרויען זאגן די ברכה "שעשני כרצונו", וואס דאס טייטשט אז זיי לויבן דעם אויבערשטן אויף דעם וואס דער אויבערשטער האט זיי באשאפן אז זיי זאלן קענען טון דעם רצון ה', דאס איז דער שבח וואס מ'דאנקט דעם רבש"ע, און דער עיקר וואס פארלאנגט זיך פון א פרוי איז זיך אויפצופירן בצניעות, און דאס איז דער רצון ה', און צניעות איז איר תכלית הבריאה.

דער רבי האט ארויסגעברענגט מיט גרויס ווייטאג די פירצה פון גיין מיט קורצע קליידער און שמאלע קליידער, וואס איז גורם אסאך מכשולות, און ברענגט די גאנצע משפחה צו עבירות, ווייל עס איז גורם הרהורים רעים, און אלע דברים שבקדושה וואס מ'זאגט אין זייער געגנווארט איז ברכות לבטלות ר"ל. דער רבי האט געטייטשט "לא יהיה כלי גבר על אשה", "כלי" איז א לשון פון "ויתנכלו", "לא יהיה", עס שטייט נישט "לא תלבש", א פרוי זאל נישט גיין בפריצות וואס ברענגט מחשבות רעות, "כי תועבת ה' כ"ל עושי אלה", די פרויען זענען אויך שולדיג אין די עבירות אויב זיי זענען מכשיל די מענער מיט הרהורים רעים דורכדעם וואס זיי גייען אנגעטון שלא בצניעות.

דער רבי האט גערעדט זייער שארף צו די הנהלת המוסדות אז די קינדער וואס קומען אין מוסד מיט קורצע בגדים זאל מען אהיימשיקן צו די עלטערן, זיי זאלן זען "ראו גידולים שגדלתם", כאטש מ'וואלט געדארפט מטכס עצה זיין דאס אויסצורייסן צווישן דעם גאנצן עולם, אבער מתחילה דארף מען זען אין בית חינוך זאל דאס נישט זיין, און די וואס פאלגן נישט זאלן בכלל נישט שיקן די קינדער אין מוסד כדי צו פארמיידן בושות אויב מ'וועט זיי אהיימשיקן.

האט דער רבי געזאגט בדרך צחות, אז וועגן דעם זאגט מען יעדן טאג די ברכה "שעשני כרצונו", הגם לכאורה וואלט גענוג געווען צו זאגן די ברכה איינמאל אין לעבן ווייל דאס איז דאך א כלליות'דיגע ברכה אויף די בריאה, און נישט עפעס וואס טוישט זיך יעדן טאג ווי די אנדערע ברכות השחר, נאר וויבאלד יעדן טאג איז ליידער דא א נייע מאדע, ממילא איז יעדן טאג דא אן אנדערע "רצונו" צו וואס א אידישע טאכטער דארף זיך קענען צושטעלן.

אזוי האט דער רבי מאריך געווען מיט זייער שארפע דיבורים, וואס האט געלאזט א שטארקן רושם אויפ'ן עולם.

פ

## דעם רבי'נ'ס התעוררות קעגן די מאדע פון קורצע-לאנגע קליידער

הגה"צ רבי משה מרדכי פאללאק שליט"א אב"ד וואדקערט

איך געדענק ווען מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע איז געקומען צו פארן צו אונז קיין מאנטרעאל אויף שב"ק כי תצא תשכ"ג לפ"ק, שבת נאכמיטאג האט דער רבי געהאלטן א גאר ווארעמע דרשה אויפ'ן ארון הקודש, און ער האט מאריך געווען מיט דברי מוסר והתעוררות, דער רבי האט גערעדט דברי מוסר אויף די פירצות הדור, און מאריך געווען ווי ווייט מיר דארפן זיין אפגעטיילט פון די גוים, און די שמוציגע גאס.

דערנאך האט דער רבי גערעדט איבער די מאדעס וואס כאפט זיך ארייַן פון די גוי'אישע גאס צו די אידן, און ווי ווייט מ'דארף זיין אפגעטיילט פון זיי. דער רבי האט שארף מעורר געווען קעגן די פירצה פון די קורצע קליידער ביי נשים.

האט דער רבי געזאגט בתוך הדברים מיט א ברען:

**"מה יענו ליום הדין, וואס וועט מען ענטפערן ביים יום הדין, ווי שטארק וועט זיין דער קטרוג פונעם שטן, חלילה אז די פרויען וואס גייען יעצט מיט קורצע קליידער, מ'קען נישט פועל'ן ביי זיי צו גיין בצניעות, אבער אז ס'וועט אויפקומען א מאדע ביי די גוים צו גיין**

**מיט לאנגע קליידער, וועלן זיי זיין די ערשטע וואס וועלן גיין מיט לאנגע קליידער, ווייל אזוי איז די מאדע ביי די גוים, אבער אז די תורה הקדושה הייסט גיין מיט לענגערע קליידער פאלגט מען נישט"...**

בשעת מעשה האט דער רבי געקלאפט אויפ'ן עמוד מיט א פייער און א ברען וואס האט גאר שטארק מעורר געווען דעם ציבור.

פא

## דער באזוך אין קעמפ - ג' כי תצא תשל"ד

ג' כי תצא תשל"ד האט דער רבי - זייענדיג א שכן קרוב, א וועג פון א קנאפע דריי פערטל שעה - אפגעשטאט דעם יערליכן באזוך אין די מחנות רב טוב.

דער רבי האט באזוכט אין די מיידל קעמפ אין קערהאנקסאן וואו דער קאראוואן איז אריבערגעפארן דעם גאנצן שטח וואו די מיידלעך זענען געשטאנען אויסגע'שורה'ט מיט גרויס צניעות.

דערנאך האט מען באזוכט אין יונגל קעמפ אין נעפאנעק, וואו די הונדערטער צאן קדשים האבן אויפגענומען דעם רבי'ן מיט התרגשות און געפיל.

ווען דער רבי איז אנגעקומען אין דערילענד האבן די אריבער 700 בחורי חמד אפגעווארט דעם רבי'ן אויף די גאס, ווען א קענטיגע אימה ויראה און רגש דקדושה ליגט זיי אויסגעגאסן אויפן פנים צוזאמגעמישט מיט א שמחה וחדוה.

אויפן ריזיגן פרייען פעלד וואס געפונט זיך אינמיטן דעם קעמפ איז געווען אויפגעבויט א ספעציעלע שיינע בימה, די בימה איז געווען הויכשטאקיג און ספעציעל אויסגעבויט מיט א דאך כדי מען זאל עס קענען ניצן אפילו אין א רעגן, דער רבי האט באשיינט דעם אויבנאן אינאיינעם מיט די ראשי ישיבה, און משגיחים, ווי אויך די חברי הנהלה ר' לייביש לעפקאוויטש ע"ה מיט ר' סענדר דייטש ע"ה און דער נדבן פונעם קעמפ ר' ישראל זופניק ע"ה, און דער רבי האט טועם געווען און געטיילט שיריים פאר די בחורים.



**מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע ביים באזוכן אין קעמפ**

דער רבי האט דאן געזאגט הארציגע דברי תורה פאר די בחורים מלא מוסר ויראת שמים, דער רבי האט אנגעהויבן מיטן פסוק אין די סדרה:

**כי תצא למלחמה על אויביך ונתנו ה"א בידך ושבית שביו, האט דער רבי געפרעגט א קשיא לכאורה שטימט נישט דער פסוק, ווייל א לשון נתינה איז שייך צו זאגן ווען עמיצער גיט פאר איינעם א מתנה, אבער דא אין פסוק רעדט מען דאך פון כי תצא למלחמה על אויביך, וואס איז שייך צו זאגן דערויף "ונתנו" ה"א בידך?**

**האט דאס דער רבי פארענטפערט מיט די באקאנטע הקדמה פון ישמח משה אויף די מאמר חז"ל, אם יאמר לך אדם יגעת ולא מצאת אל תאמין, יגעת ומצאת תאמין, איז דאך לכאורה שווער אז די צוויי לשונות יגיעה מיט מציאה זענען א תרתי דסתרי, יגיעה מיינט א זאך וואס דער מענטש טוט עררייכן נאכדעם וואס ער מוטשעט זיך דערויף דאס צו האבן, ווידער מציאה איז א זאך וואס קומט צום מענטש געצליך בהיסח הדעת.**

**ענטפערט דער ישמח משה אז אסאך מאל איז דא א מענטש וואס ער מוטשעט זיך שטארק צו פארשטיין א זאך ביים לערנען, פונדעסטוועגן איז לא עלתה בידו און ער איז נישט זוכה צו פארשטיין, שפעטער ווען ער לערנט נאכאמאל דאס ענין פלוצלונג ווערט אים אלעס קלאר און ער פארשטייט דאס תיכף, און דער פריערדיגער שוועריגקייט איז פארשוואונדן געווארן, דאס איז א "מציאה" וואס קומט בהיסח הדעת, אבער דאס קומט מכח די ערשטע "יגיעה" וואס ער האט זיך שוין אמאל געפלאגט דערויף.**

**מיט דעם האט דער רבי אויסגעטייטשט דעם פסוק, כי תצא למלחמה על אויביך טייטשן דאך די ספרים במלחמת היצר הכתוב מדבר, די תורה רעדט דא פון די גרויסע מלחמה וואס יעדער מענטש פירט מיטן יצר הרע און ער זוכט אים צו באקעמפן, זאגט די תורה אויב עס וועט זיין כי תצא למלחמה, דו וועסט קעמפן און זיך שלאגן מיטן יצר הרע, דעמאלט וועט זיין ונתנו ה"א בידך, השי"ת וועט דיר דאס איבערגעבן אין די הענט ווי א מתנה, ווען דו וועסט דאס נישט ערווארטן, וועט עס זיין ביי דיר ווי א מציאה אלעס מכח די ערשטע יגיעה.**

די בחורים האבן געזונגען פאסיגע ניגונים לכבוד המאורע, און צום שלום ארויסבאגלייט דעם רבי'ן מיט די הייסע תפלה פון "ימים על ימי מלך תוסיף שנותיו כמו דור ודור" ווען ביי יעדן אין הארץ טליעט די זעלבע האפענונג אז דער רבי וועט צוריק קומען צו זיינע כוחות ויתחדש כנשר נעוריו און אונז פירן געזונטערהייט לקבל פני משיח צדקינו.

פב

## השבת אבידה בזכות די יארצייט

עס האט דערציילט הרה"ח המרומם ר' יקותיאל הערש הלוי ווערצבערגער ז"ל

מיין פעטער - און שווער בזו"ר - הרה"ח ר' אהרן הלוי ווערצבערגער ע"ה שו"ב בקלויזנבורג, איז אמאל געקומען קיין סיגוט צו די יארצייט פון מרן הגה"ק בעל קדושת יו"ט זי"ע, און ער האט מיטגעברענגט אסאך געלט מיט זיך אז ער זאל קענען באצאלן שכר מלמדות פארן

מלמד פון זיינע קינדער וואס האבן דארט געלערנט. זייענדיג דארט אין סיגוט האט ער באמערקט ווי דאס גאנצע געלט איז נעלם געווען, ווי פארשטענדליך האט ער געהאט גרויס שברי לב אז ער וועט דארפן פריש בארגן אסאך געלט און דארפן לויפן באצאלן די חובות.

איז ער אריין צו מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע וועלכער איז אויך געקומען צו פארן צו די יארצייט, און ער האט מזכיר געווען די אבידה. און דער רבי האט זיך אנגערופן "עס קען נישט זיין אז מ'זאל שאדן האבן פונעם טאטנ'ס יארצייט"... ער האט געהאט אמונת צדיקים, און ער איז ארויס פונעם רבי'ן מיט די פולסטע בטחון אז ער וועט אוודאי נישט שאדן האבן דאס געלט.

אינדרויסן אויפ'ן גאס טרעפט ער א בערזל ליגן אויף דער ערד, ער הייבט דאס אויף און ער קוקט אריין דערין זעט ער אז עס ליגט דערין די גענויע סומע געלט וואס ער האט פארלוירן, אבער ער האט אוודאי נישט געוואלט נעמען יענעמ'ס געלט פאר זיך ווען עס איז דא א מצוה פון השבת אבידה. ווען ער האט באטראכט דאס בערזל האט ער דארט געטראפן א שתי וערב, האט ער פארשטאנען אז דאס באלאנגט נישט פאר א איד, האט ער גענומען דאס געלט און געגעבן פארן מלמד, און ער האט טאקע נישט שאדן געהאט דאס געלט.

פג

## גיוס בנות, עקירת מלכות בית דוד

כידוע, אין יענע יארן נאכדעם וואס עס איז געגרינדעט געווארן די ציוני'סטישע מדינה, האבן די ציונים ימ"ש ארויסגעגעבן די גזירה פון 'גיוס בנות', אז אלע פרויען און מיידלעך דארפן גיין דינען אינעם ציוני'סטישן מיליטער, וואס דאס איז פון די הארבסטע עבירות.

די שרעקליכע גזירה האט בשעתה אויפגערודערט גאנץ כלל ישראל איבער די גאנצע וועלט, אפילו די רבי'ס און ראשי ישיבות וואס האבן געווענליך פארטראגן די אנדערע גזירות פון די ציונים, און עס איז זיי נישט געפאלן דאס וואס דער סאטמארער רבי זי"ע פארפירט און ער איז אזויפיל לוחם קעגן די מדינה הטמאה, זענען דא אויך ארויס פון די כלים, און זיי האבן אנגעהויבן צו שרייען אז מען מוז זען וואס מען קען טון אפצושרייען די גזירה.

איז דאן געווען אן אסיפת הרבנים וואו דער רבי זי"ע איז געזעסן אין שפיץ, ווי אויך זענען דארט געווען מערערע פון די ראשי ישיבות פון ליטווישן קרייז, וואס האבן געווענליך נישט מיטגעהאלטן אינגאנצן מיטן רבינ'ס הייליגע שיטה קעגן ציונות.

ווען דער רבי האט גערעדט וועגן די גזירה, האט ער אנגעהויבן צו קאכן זייער שארף קעגן די אלע ביטערע גזירות און העברה על הדת וואס די ציונים טוען פאר כלל ישראל, האט דער רבי א שריי געגעבן:

"זייער ציל איז, אויסצורייסן די הייליגע תורה, און עוקר צו זיין מלכות בית דוד!"

פון די אלע רבנים וואס זענען דארט געזעסן האט קיינער נישט פארשטאנען וואס דער רבי מיינט מיט די ווערטער, עס זענען אפילו געווען צווישן די וואס האבן געגעבן א שאקל מיטן קאפ מיט א ביטול, ווי צו זאגן אז דער רבי רעדט סתם שארפע ווערטער וואס האט נישט קיין פשט, ווייל ווי קומט דא אהער "מלכות בית דוד"?

ווען דער רבי איז אהיימגעגאנגען האט איינער פון דעם רבינ'ס נאנטע מענטשן איבערגעפרעגט דעם רבי'ן, וואס דער רבי האט געמיינט צו זאגן מיט די ווערטער "זיי ווילן עוקר זיין מלכות בית דוד".

"איך האב געמיינט זייער פשוט - האט דער רבי זי"ע געענטפערט - "ווייל אין פרשת כי תצא געפונען מיר אין פסוק אן איסור "לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה'" אז א גוי פון עמון ומואב קען זיך נישט מגייר זיין, און די תורה זאגט דעם טעם ווייל "אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים" זיי זענען ענק נישט אנטקעגן געגאנגען מיט ברויט און וואסער".

"חכמינו ז"ל זאגן אונז אז בועז און זיין בית דין האבן גע'דרש'נט דעם פסוק אז דוקא א גוי טאר נישט אריינקומען אין כלל ישראל, אבער א מואבית און אן עמונית, א פרוי מעג יא, ווייל די תורה זאגט דאך דעם טעם פון "על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים", און "דרכו של איש לקדם ואין דרכה של אשה לקדם", עס איז דער שטייגער פון מענער ארויסצוגיין אויף די גאסן און אויפנעמען פרעמדע מענטשן, אבער פרויען דארפן זיך נישט דרייען אינדרויסן נאר זיצן אין די שטובער, דעריבער האבן זיי נישט געטון קיין עבירה אז זיי זענען נישט קעגן געגאנגען די אידן, און אויף דעם סמך האבן זיי מתיר געווען פאר רות המואביה אריינצוקומען בקהל ה', און פון דעם איז ארויסגעקומען דוד המלך".

האט דער רבי אויסגעפירט "די רשעים, די ציונים, ווילן דאך יעצט איינפירן אז פרויען זאלן אנהייבן ארויסגיין דינען אין מיליטער, זיי זאלן ווערן סאלדאטקעס, קומט דאך אויס אז לויט זיי איז דאך אויך "דרכו של אשה לקדם" איז דאך שוין נישטא קיין היתר פאר רות המואבי' אריינצוקומען בקהל השם, טוען זיי מיט דעם אויסרייסן מלכות בית דוד"...

פד

## השב תשיבם לאחיך

עס האט דערציילט הרה"ח ר' פישל פריעדמאן ז"ל:

נאך די מלחמה האב איך געוואוינט אין ירושלים, און איך בין אמאל געפארן אויף שבת קיין תל-אביב צום בעלזער רב זצוק"ל.

איך פלעג האבן א האנט-זייגער, אבער איך האב דאס נישט אנגעטון נאר געהאלטן אין טאש. יענעם שבת האט מען געענדיגט זייער




אן אנאנס בימים ההם פון הרה"ח ר' פישל'ס פירמע

שפעט מוצ"ש, אין ביך שוין געבליבן איבערשלאפן אין ביהמ"ד און דער זייגער איז מיר ארויסגעפאלן פון טאש. שפעטער האב איך דאס געזוכט און נישט געטראפן בין איך אהיימגעפארן אן דעם זייגער.



**הרה"ח ר' פישל פריעדמאן ז"ל טרעט אויף ביים דינער פון מוסדות קרית יואל אין איינע פון די יארן**

ווען די חסידים האבן געטראפן דעם זייגער האט דער בעלזער רב געהייסן אז מ'זאל אויפזוכן דעם בעל הבית, און מ'זאל עס יענעם צוריק געבן און זאגן 'בשם כל ישראל', ווייל ער האט געזאגט אז די מצוה



**הרה"ח ר' פישל ז"ל ביי די ארבעט.**

פון השבת אבידה קען נישט יעדער מקיים זיין, ווייל איינער דארף פונקט פארלירן א חפץ, און דער צווייטער דארף דאס פונקט טרעפן, און ער דארף פונקט געוואויר ווערן ווער עס האט דאס פארלוירן און קענען צוריק געבן. דערפאר דארף מען מזכה צו זיין גאנץ כלל ישראל מיט די מצוה פון השבת אבידה וואס מאכט זיך נישט יעדן טאג.

וכך הוה, די חסידים האבן מיר צוריק געברענגט צום בעלזער רב, און דער בעלזער רב אליין האט מיר צוריק געגעבן דעם זייגער און געזאגט 'בשם כל ישראל'.

פה

## אכטונג געבן אויף כלאים

ווען מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע איז געווען אין ארץ ישראל דעם ערשטן מאל בשנת תרצ"ב איז געווען ביים רבי'ן א איד מיטן נאמען ר' יונה לעפקאוויטש ז"ל, וועלכער איז געווען אן ערליכער איד א תלמיד חכם און פון די מקנאי קנאת ה' צבקות אין ירושלים.

האט ער דערציילט פארן רבי'ן אז מיט עטליכע יאר פריער האבן די ערליכע גדולי ישראל אין ירושלים די "עדה החרדית" געפירט א שווערע מלחמה קעגן די ציוני'סטישע "רבנות הראשות" וואס איז געשטאנען אונטער די פירערשאפט פון הר' קוק ימ"ש, האט דאן איינער פון די גדולי ירושלים הגה"צ ר' משה יוסף האפמאן זצ"ל דער פאפער דיין, געבעטן ר' יונה אז ער זאל אריבערגיין צו איינעם פון די רבנים אין ירושלים און אים בעטן אז ער זאל אויך ארויסהעלפן אין די מערכה, און לוחם זיין קעגן די רשעים וואס ווילן חרוב מאכן דאס הייליגקייט פון די שטאט ירושלים.

יענער רב האט זיך ארויסגעדרייט און ער האט זיך נישט געוואלט צושטעלן צו די מלחמה, ער האט גע'טענה'ט אז ער זיצט אינדערהיים און ער לערנט, און עס אינטערעסירט אים נישט וואס עס טוט זיך אויף די גאס, ממילא וויל ער זיך נישט מישן.

ווען דער רבי האט דאס געהערט האט ער זיך אנגערופן: אין "מרדכי" (מס' עירובין הגהות פ"ק) ווערט דערציילט א מעשה, דער רשב"ם פלעגט אלעמאל גיין אויפן גאס מיט פארמאכטע אויגן צוליב זיין מורא'דיגע אפגעהיטנקייט, איינמאל האט ער געוואלט ארויפגיין אויף א וואגן וואס איז געווען איינגעשפאנט מיט א פערד און א אייזל וואס איז א איסור פון כלאים - ווי עס שטייט אין די וואכעדיגע סדרה - אבער וויבאלד ער האט נישט אויפגעהויבן די אויגן האט ער דאס נישט באמערקט, פונקט איז דורכגעגאנגען זיין ברודער דער רבינו תם און ער האט זיך אנגערופן צו אים "זיי נישט צו א גרויסער צדיק, הייב אויף דיינע אויגן וועסטו זען אז דער וואגן איז איינגעשפאנט מיט כלאים".

האט דער רבי געפרעגט "לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט דער מרדכי געדארפט אראפברענגען דעם לשון פון רבינו תם ווארט ביי ווארט, פארוואס האט ער נישט געקענט שרייבן אז דער רבינו תם האט אים געזאגט "דיין וואגן איז איינגעשפאנט מיט כלאים", וואס האט אויסגעפעלט אראפצוברענגען די ערשטע ווערטער "זיי נישט אזא גרויסער צדיק", בפרט ווען דער מרדכי איז באקאנט אז ער איז שטענדיג מקצר ווי מער מעגליך?"

"נאר וואס דען, דער מרדכי וויל אונז דא לערנען א מורא'דיגע זאך, מען טאר נישט אלעמאל זיין צו א גרויסער צדיק! עס זענען דא צייטן וואס מען מוז זיך יא עפענען די אויגן און קוקן וואס עס קומט פאר אויף די וועלט, ווייל אויב נישט קען מען חס ושלום געשטרויכלט ווערן מיטן הארבן איסור פון 'כלאים'" (מיינענדיג זיך אויסצומישן מיט רשעים און פושעי ישראל)...



**הגה"ק ר' משה יוסף האפמאן זצ"ל פאפא דיין, און שפעטער מגדולי עיה"ק ירושלים**

פו

## ונתנו ה'שם' אלקיך

ווען מען האט אויפגענומען הגה"ק רבי שמעון סופר זצוק"ל אלס רב אין קראקא זענען געווען מענטשן וואס זענען געווען אומצופרידן אז מ'האט גענומען א רב פון דער פרעמד, ווען קראקא איז אליין געווען א עיר מלאה חכמים וסופרים, און זיי האבן געוואלט ווייזן פארן רב אז אין די שטאט זענען דא גרעסערע תלמידי חכמים ווי אים. דעריבער האבן זיי מחליט געווען אז ביי די ערשטע דרשה וואס ער וועט זאגן אין שטאט, וועלן זיי אריינפרעגן און זיך מפלפל

**(פארזעצונג אויף זייט 43)**